# פּסח 5780

## Pessah 2020



## Jeudi 9 avril 2020

## ט״ו בניסן תש״פ

# אַ ייִדיש־הגדה פֿאַר אַ געזונטן סדר

# Une Hagode de Peseykh en yiddish pour un seyder en bonne santé

הגדה אויסגעשטעלט דורך אַניק פּרים־מאַרגוליס
Hagode conçue par Annick Prime-Margules

**Maison de la culture yiddish-Bibliothèque Medem**

29 rue du Château-d'Eau, 75010 Paris
Tél : +(0)1 47 00 14 00 • www.yiddishweb.com

# י. ל. פּרץ

# עס גייט צו פּסח

עס גייט צו פּסח, און איך בעט מיך ביי אייך איין צום סדר.
קיין סך וועל איך אייך נישט קאָסטן; קניידלעך עס איך נישט!
נעמט מיך אויף!

זייט מיך אויך נישט מכבד מיט מרור; מיט דעם בין איך געבוירן!
הייסט מיך אויך נישט ציילן קיין „מכות"; איך האָב די מצריים שוין לאנג מוחל געווען. און עס איז גלאט א מין „ברכה לבטלה"; פון געשריבענע אָדער געדרוקטע מכות איז נאָך קיינער נישט קראנק געוואָרן.

באפרייט מיך אויך פון „שפוך חמתך"... איך בין נאָך צו יונג, פארסמט מיר נישט דאָס בלוט מיט נקמה... איך האָף אויף בע־סערע צייטן און וויל אפילו קיין געצנדינער נישט שעלטן.

איך וויל אפילו נישט זאָגן „לשנה הבאה בירושלים!" ווייל „פון זאָגן ווערט מען נישט טראָגן"!

דערווייל וויל איך אייך נאָר ווינטשן, אז איר זאָלט אויפ'ס־יאָר דעם גאנצן „מה נשתנה" מיטן „עבדים היינו" פארגעסן... און —

אז איר וועט עפענען די טיר און רופן באמת, נישט ווי היינט אויף לבן הארמים לשון: „כל דכפין ייתי ויכול!" — זאָל קיינער נישט אריינ־קומען; עס זאָל קיינער נישט דארפן אריינקומען!



## אַז די יום-טובֿדיקע טעג...

אַז די יום-טובֿדיקע טעג הייבן זיך אָן צו באַווייַזן
ווער איך בייַ מיר אַ גדול:
לייג איך מיר אַוועק שער און אייַזן,
און וווּ ס'איז דאָ אַ נאָדל.
אויפֿגעהערט נייען, אַרבעט זוכן,
האַרצעדיקער טאַטע !
אַ גלעזעלע משקה, יום-טובֿ צו פֿאַרזוכן
איז בעסער ווי לייגן אַ לאַטע.
אַ גלעזעלע משקה, יום-טובֿ צו פֿאַרזוכן
איז בעסער ווי לייגן אַ לאַטע.

די קינדערלעך שטיל – ס'איז טאַקע אַ חידוש –
שפּילן זיך אקח און מקח.
אַז איך קום פֿון דער שול מאַך איך מיר קידוש
און פֿאַרבייַס מיט קאָרענעם לעקעך.
צו די פֿיש האָב איך גאָר קיין טענה,
גענוג געפֿעפֿערט און געזאַלצן :
אַז מע נעמט זיי אין מויל אַרייַן – לעבן זאָל חנה !
ווערן זיי ממש צעשמאָלצן.
אַז מע נעמט זיי אין מויל אַרייַן – לעבן זאָל חנה !
ווערן זיי ממש צעשמאָלצן.

אַז די יום-טובֿדיקע טעג גייען שוין אַוועק
האַרצעדיקער טאַטע !
ווידער גיין אַרבעט זוכן
ווידער לייגן אַ לאַטע,
ווידער גיין אַרבעט זוכן
ווידער שיך צו רייַסן
אוי זאָג זשע מיר חנהלע, סערצע מייַנע
צי האָסטו ניט פֿון יום-טובֿ צו פֿאַרבייַסן ?
אוי זאָג זשע מיר חנהלע, סערצע מייַנע
צי האָסטו ניט פֿון יום-טובֿ צו פֿאַרבייַסן

## ***az di yontevdike teg...***

*az di yontevdike teg heybn zikh on tsu bavayzn*
*ver ikh ba mir a godl :*
*leyg ikh mir avek sher un ayzn,*
*un vu s'iz do a nodl.*
*oyfgehert neyen, arbet zukhn,*
*hartsediker tate !*
*a glezele mashke, yontev tsu farzukhn*
*iz beser vi leygn a late.*
*a glezele mashke, yontev tsu farzukhn*
*iz beser vi leygn a late.*

*di kinderlekh shtil - s'iz take a khidesh -*
*shpiln zikh ekekh un mekekh*
*az ikh kum fun der shil makh ikh mir kidesh*
*un farbays mit korenem lekekh.*
*tsu di fish hob ikh gor keyn tayne,*
*genug gefefert un gezaltsn :*
*az me nemt zey in moyl arayn - lebn zol Khane*
*vern zey mamesh tseshmoltsn.*
*az me nemt zey in moyl arayn - lebn zol Khane*
*vern zey mamesh tseshmoltsn.*

*az di yontevdike teg geyen shoyn avek*
*hartsediker tate !*
*vider geyn arbet zukhn*
*vider leygn a late*
*vider geyn arbet zukhn*
*vider shikh tsu raysn*
*oy zog zhe mir Khanele, sertse mayne*
*tsi hostu nit fun yontev tsu farbaysn ?*
*oy zog zhe mir Khanele, sertse mayne*
*tsi hostu nit fun yontev tsu farbaysn ?*

# קערה של פּסח

## *kaare shel peysekh*

## Le plat du seder

La table doit être préparée pendant la journée de façon à ne pas tarder à prendre le repas. Manger le plus tôt possible est une **mitsve**, ceci afin que les enfants ne s'endorment pas avant la fin du **seyder**.

La table doit être recouverte d'une belle nappe immaculée, la vaisselle utilisée est la plus belle que l'on possède. Le maître de maison sera installé sur un siège qui lui permettra de s'appuyer confortablement à certains moments du **seyder**.

Aussitôt rentrés de la **shul**, on prépare le plat du seyder de façon suivante : on dispose trois **matses** les unes sur les autres.

Au-dessus des trois matses se trouve un plat spécial, sur lequel on dispose :

un **os de crosse** avec un reste de viande,
un **œuf cuit dur**,
des **herbes amères** (romaine ou endive),
du **kharoyses** (mélange de pommes râpées avec des noix, de la cannelle et du vin doux),
un **légume** (céleri ou persil),
du **raifort râpé** (khreyn).
L'eau salée ne se trouve pas sur le plateau.




דער טיש דאַרף זײַן געדעקט שוין פֿון בײַ טאָג, כּדי נישט צו פֿאַרשפּעטיקן מיטן עסן. עס איז אַ מיצווה צו עסן וואָס פֿריִער, די קינדער זאָלן נישט אײַנשלאָפֿן איידער דער סדר ענדיקט זיך.

דער טיש דאַרף זײַן געדעקט מיט אַ שיינעם ריינעם טישטעך און צוגעגרייט מיט די שענסטע געשיר וואָס מע פֿאַרמאָגט. פֿאַרן בעל־הבית דאַרף מען צוגרייטן אַ הסבֿ־בעט *[עסעבעט]*, זיך אָנצולענען בײַם סדר. גלײַך ווי מע קומט פֿון שול, גרייט מען צו די סדר־שיסל אויפֿן ווײַטערדיקן אופֿן : מע לייגט אַוועק דרײַ מצות איינע אויף דער אַנדערער און מע דעקט זיי צו. איבער די דאָזיקע מצות שטעלט מען אַוועק אַ טאַץ, אויף וועלכן מע לייגט אַרויף די ווײַטערדיקע מינים :

**אַ זרוע** *[זרויע]* (אַן אַקסלביין מיט עפּעס פֿלייש),
**אַ ביצה** *[בייצע]* (אַן איי),
**מרור** *[מאָרער]* (ביטערע קרײַטעכצער),
**חרוסת** *[כאַרויסעס]* (אַ געמיש פֿון צעריבענע עפּל מיט ניס, צימערינג און זיסן ווײַן),
**כּרפּס** *[קאַרפּעס]* (גרינס)
**חזרת** *[כאַזערעס]* (כריין).

דאָס געזאַלצענע וואַסער געפֿינט זיך נישט אויפֿן טאַץ גופֿא.



# סִמָּנֵי הַסֵּדֶר / סימנים פֿאַרן סדר

## Déroulement du seder

### קַדֵּש
**kadeysh**

Réciter le kiddouch sur le vin

מאַכן קידוש

### וּרְחַץ
**urkhats**

Ablution des mains sans bénédiction

וואַשן די הענט

### כַּרְפַּס
**karpas / karpes**

Persil ou céleri trempé dans de l’eau salée

עסן גרינס

### יַחַץ
**yakhats**

Briser en deux la *matse* du milieu

איבערברעכן די מיטלסטע מצה

### מַגִּיד
**magid / maged**

Récit de la sortie d’Égypte

זאָגן די הגדה

### רָחְצָה
**rakhats**

Ablution des mains avec bénédiction

זיך וואַשן צום עסן

### מוֹצִיא מַצָּה
**motsi matsa / moytse matse**

Bénédiction sur la *matse*

מאַכן המוציא

### מָרוֹר
**maror / morer**

Manger les herbes amères avec *kharoyses*

עסן די ביטערע קרײַטעכצער

### כּוֹרֵךְ
**korekh / koyrekh**

Manger les herbes amères avec la *matse*

עסן מצה מיט כריין

### שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ
**shulkhan orekh / shulkhn oyrekh**

Repas de fête

מ׳גרייט דעם טיש צום עסן

### צָפוּן
**tsafun / tsofn**

Manger l’*afikoymen* qui a été caché

אַרויסנעמען דעם אַפֿיקומן

### בָּרֵךְ
**barekh / borekh**

Réciter les actions de grâce après le repas

בענטשן

### הלל
**Halel**

Réciter les psaumes de Hallel

זאָגן הלל

### נִרְצָה
**nirtsah / nirtse**

Fin du seyder

דאָס וועט זײַן אָנגענומען

# קדֵש מאַכן קידוש

**מען גיסט אָן דעם ערשטן כּוס און מע מאַכט קידוש. מען טרינקט דעם כּוס אָנגעלענט אויף דער לינקער זײַט.**

On remplit la première coupe (elles seront au nombre de 4) pour faire le kiddouch (bénédiction sur le vin). Puis on boit en s'accoudant sur le côté gauche.

| ***Tayere Malke*** | **טײַערע מלכּה** |
|---|---|
| *Tayere Malke —* | טײַערע מלכּה – |
| *Gezunt zolstu zayn !* | געזונט זאָלסטו זײַן ! |
| *Gis on dem bekher,* | גיס אָן דעם בעכער, |
| *Dem bekher mit vayn.* | דעם בעכער מיט ווײַן. |
| *Bim-bam-bam, bim-bam…* | בים-באָם-באָם, בים-באָם ... |
| | |
| *Fun dem dozikn bekher,* | פֿון דעם דאָזיקן בעכער, |
| *Er glantst azoy sheyn,* | ער גלאַנצט אַזוי שיין, |
| *Hot getrunken mayn zeyde,* | האָט געטרונקען מײַן זיידע, |
| *mayn zeyde aleyn.* | מײַן זיידע אַליין. |
| | |
| *Geven shlekhte tsaytn,* | געווען שלעכטע צײַטן |
| *Vi es makht zikh a mol,* | ווי עס מאַכט זיך אַ מאָל, |
| *Nor dem bekher hot er gehaltn —* | נאָר דעם בעכער האָט ער געהאַלטן – |
| *Ayzn un shtol !* | אײַזן און שטאָל ! |
| | |
| *Er hot mesameyekh geven ale kinder* | ער האָט משׂמח געווען אַלע קינדער, |
| *Bakant iz dos dir,* | באַקאַנט איז דאָס דיר, |
| *Funem tatn iz der bekher* | פֿונעם טאַטן איז דער בעכער |
| *Gekumen tsu mir !* | געקומען צו מיר ! |
| | |
| *Tayere Malke,* | טײַערע מלכּה, |
| *Gezunt zolstu zayn !* | געזונט זאָלסטו זײַן ! |
| *Far vemen zol ikh trinken* | פֿאַר וועמען זאָל איך טרינקען |
| *Dem dozikn vayn ?* | דעם דאָזיקן ווײַן ? |
| | |
| *Lekhayim vil ikh trinken* | לחיים וויל איך טרינקען, |
| *Far dem pintele yid,* | פֿאַר דעם פּינטעלע ייִד, |
| *vos mutshet zikh tomid* | וואָס מוטשעט זיך תּמיד |
| *Un vert keyn mol nit mid !* | און ווערט קיין מאָל ניט מיד ! |
| | |
| *Lekhayim vil ikh trinken,* | לחיים וויל איך טרינקען, |
| *Un take on an ek,* | און טאַקע אָן אַן עק, |
| *Far di vos zaynen geforn* | פֿאַר די וואָס זײַנען געפֿאָרן |
| *Oyf eybik avek !* | אויף אייביק אַוועק ! |
| | |
| *Kh'trink far mayne sonim —* | כ׳טרינק פֿאַר מײַנע שׂונאים – |
| *Nor zog zey nit oys !* | נאָר זאָג זיי נישט אויס ! |

קוק, טרערן זיי שפּריצן
פֿון בעכער אַרויס !

זינגט העכער און העכער :
גאָט, דו ביסט גרויס !
באַהאַלט, מלכּה, דעם בעכער,
דאָס לידל איז אויס.

*Kuk, trern zey shpritsn*
*Fun bekher aroys !*

*Zingt hekher un hekher:*
*Got, du bist groys !*
*Bahalt, Malke, dem bekher,*
*Dos lidl iz oys.*

## וּרְחַץ וואַשן די הענט

**מעׂ וואַשט זיך די הענט (אָן די ברכה פֿון נטילת ידים)**

L'officiant se lave les mains sans dire la bénédiction.

## כַּרְפַּס עסן גרינס

**מע טׂונקט אײַן אַ שטיקל סעלעריע אָדער פּעטרישקע אין זאַלצוואַסער און מען עסט עס.**

Chaque convive mange un bout de céleri ou de persil après l'avoir trempé dans l'eau salée.

## יַחַץ צעברעכן די מיטלסטע מצה

**מע צעברעכט די מיטלסטע מצה אויף צווייען און מע באַהאַלט אַ העלפֿט צום „אַפֿיקומן"**

On partage en deux la *matse* du milieu et l'on met de côté une moitié pour *l'afikoymen*.

## מַגִּיד זאָגן די הגדה

**מע דעקט אָפּ די מצות און מע נעמט אַרונטער דאָס איי און די זרוע פֿון דער קערה (שיסל) און מע זאָגט : איך בין גרייט און פֿאַרטיק מקיים צו זײַן די מיצווה צו דער־ציילן פֿון יציאת מצרים.**

Nous arrivons à présent au récit de la sortie d'Égypte.
On découvre les *matses*, on enlève l'os et l'œuf du plateau et on dit :

**הָא לַחְמָא** דאָס איז דאָס אָרעמע ברויט, וואָס אונדזערע עׂלטערן האָבן געגעסן אין דעם לאַנד מצרים...

**הָא לַחְמָא** Voici le pain de misère que nos ancêtres ont mangé en Égypte...''

---

באַקן ייִדן מצות

באַקן ייִדן מצות
און זינגען זיך געזאַנגען –
משה איז אין וועג געשטאָרבן,
ניט דערגאַנגען.

באַקן ייִדן מצות
פֿון פּורים, אוי, ביז פּסח.
פֿון וואָס זשע לעבט מען, זאָגט,
דערנאָכדעם ?
אוי, מה נאמר, אוי, וואָס ווייס איך ?

אוי, אוי דידל-דאַם, דידל-דאַם,
וואַלגערט, ווײַבער, ניט געשלאָפֿן !
צען חדשים מיט אַן עלפֿטן
וועט איר פּאָפֿן !

אײַ-אײַ...

*Bakn yidn matses*

*Bakn yidn matses*
*Un zingen zikh gezangen —*
*Moyshe iz in veg geshtorbn,*
*Nit dergangen.*

*Bakn yidn matses*
*Fun Purim, oy, biz Peysekh.*
*Fun vos zhe lebt men, zogt,*
*dernokhdem ?*
*Oy, ma-noymer, oy, vos veys ikh ?*

*Oy, oy, didl-dam, didl-dam,*
*Valgert, vayber, nit geshlofn !*
*Tsen khadoshim mit an elftn*
*Vet ir pofn !*

*Ay-ay…*

**מיט וואָס איז אַנדערש דער דאָזיקער סדר פֿון אַלע סדרים ?**
**אַ קשיא אַ ביסל...**

**En quoi ce seyder diffère-t-il des autres seyder ?**
**À votre avis...**

## די פֿיר קשיות

**מען גיסט אָן דעם צווייטן כּוס**
**און דער ייִנגסטער פֿרעגט די פֿיר קשיות.**

## Les quatre questions

On remplit la deuxième coupe
et le plus jeune pose les quatre questions.

**מַה נִּשְׁתַּנָּה** הַלַּיְלָה הַזֶּה מִכָּל הַלֵּילוֹת?
שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין חָמֵץ וּמַצָּה, הַלַּיְלָה הַזֶּה כֻּלּוֹ מַצָּה
שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין שְׁאָר יְרָקוֹת, הַלַּיְלָה הַזֶּה (כֻּלּוֹ) מָרוֹר
שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אֵין אָנוּ מַטְבִּילִין אֲפִילוּ פַּעַם אֶחָת, הַלַּיְלָה הַזֶּה שְׁתֵּי פְעָמִים
שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין בֵּין יוֹשְׁבִין וּבֵין מְסֻבִּין, הַלַּיְלָה הַזֶּה כֻּלָּנוּ מְסֻבִּין“

*Ma nishtano halaylo hazeh mikol haleylos ?*
*Shebekhol haleylos onu okhlin khomets umatso, halaylo hazeh, kulo matso*
*Shebekhol haleylos onu okhlin sheor yerokos, halaylo hazeh, kulo moror*
*Shebekhol haleylos ein onu matbilin afilu pam ekhos, halaylo hazeh shtey peomim*
*Shebekhol haleylos onu okhlin beyn yoshvin uveyn mesubin, halaylo hazeh kulonu mesubin.*

פֿאַר וואָס איז די דאָזיקע נאַכט פֿון פּסח אַנדערש פֿון אַלע נעכט פֿון אַ גאַנץ יאָר?
1) אַלע נעכט פֿון אַ גאַנץ יאָר עסן מיר חמץ אָדער מצה, אָבער די נאַכט פֿון פּסח נאָר מצה.
2) אַלע נעכט פֿון אַ גאַנץ יאָר עסן מיר אַלערליי גרינסן, אָבער די נאַכט פֿון פּסח עסן מיר ביטערע גרינסן.
3) אַלע נעכט פֿון אַ גאַנץ יאָר טונקען מיר ניט אײַן אַפֿילו איין מאָל, אָבער די נאַכט פֿון פּסח טונקען מיר אײַן צוויי מאָל, (איין מאָל כּרפּס אין זאַלצוואסער, דעם צווייטן מאָל, כריין אין חרוסת).
4) אַלע נעכט פֿון אַ גאַנץ יאָר עסן מיר סײַ זיצנדיק, סײַ אָנגעלענט, אָבער די נאַכט פֿון פּסח עסן מיר אַלע אָנגעלענט.

**מַה נִּשְׁתַּנָּה** En quoi cette nuit se distingue-t-elle de toutes les autres nuits ?
Toutes les autres nuits, il nous est permis manger du pain comme de la *matse*, cette suit seulement de la *matse*.
Toutes les autres nuits, nous pouvons manger toutes sortes d'herbes, cette nuit, seulement des herbes amères.
Toutes les autres nuits, nous ne trempons même pas une fois, et cette nuit nous trempons deux fois.
Toutes les autres nuits, nous mangeons assis ou accoudé, cette nuit, nous sommes tous accoudés.

**מע דעקט אָפּ די מצות און אַלע ענטפֿערן**

**On découvre les *matses* et les assistants répondent**

## עֲבָדִים

קנעכט זײַנען מיר געווען בײַ פּרעהן אין מצרים...
עס איז אויף אונדז אַ פֿליכט צו דערציילן פֿון „יציאת מצרים“ אַפֿילו ווען מיר זײַנען אַלע חכמים.

Nous étions esclaves de Pharaon en Égypte...
Même si nous étions tous savants, nous aurions néanmoins le devoir de raconter la sortie d'Égypte.



„גערעכטיקייט“

די תּורה רעדט דאָ וועגן פֿיר זין : איינער אַ חכם, איינער אַ רשע, איינער אַ תּם, און איינער וואָס ווייס אַפֿילו נישט ווי אַזוי צו פֿרעגן.
דער **חכם** וואָס זאָגט ער ?
דער **רשע** וואָס זאָגט ער ?
דער **תּם** וואָס זאָגט ער ?
און דער וואָס ווייס נישט ווי אַזוי צו פֿרעגן,
הייב דו אָן רעדן צו אים...

La Torah fait mention de quatre sortes de fils : un sage, un impie, un simple et un qui ne sait pas poser de questions.
**חָכָם** Le sage, que dit-il?
**רָשָׁע** L'impie que dit-il?
**תָּם** Le simple que dit-il ?
**וְשֶׁאֵינוֹ** Celui qui ne sait pas poser de questions, commence, toi, à lui raconter...

**מִתְּחִלָּה** פֿאַרצײַטן זײַנען אונדזערע עלטערן געווען געצנדינער...

**מִתְּחִלָּה** Autrefois, nos ancêtres étaient idolâtres...

**מע דעקט צו די מצות, מע הייבט אויף דעם כּוס און מע זאָגט :**

**On couvre les *matses*, on lève le verre et on dit :**

**וְהִיא שֶׁעָמְדָה** און די הבֿטחה איז בײַגעשטאַנען אונדזערע עלטערן און אויך אונדז...

**וְהִיא שֶׁעָמְדָה** C'est cette promesse qui nous a soutenus nos pères et nous...

**מע שטעלט אַוועק דעם כּוס און מע דעקט אָפּ די מצות**
**צֵא וּלְמַד**

**On pose le verre sur la table et on découvre les *matses***
**צֵא וּלְמַד**

**כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאֹרָה תַּשְׁלִיכֻהוּ...**
יעדן נײַ-געבוירענעם זון זאָלט איר אַרײַנוואַרפֿן אין טײַך...

**...כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאֹרָה תַּשְׁלִיכֻהוּ**
Vous jetterez à l'eau tout nouveau-né mâle...

## שווימט דאָס קעסטל

שווימט דאָס קעסטל אויפֿן טײַך
אויפֿן גרויסן ניל,
שווימט דאָס קעסטל רויִק גלײַך,
שווימט דאָס קעסטל שטיל.

און די כוואַליעס גייען שטיל,
גייען צאַרט און לינד,
ווי זיי וואָלטן היטן זיך
טאָן אַ לײַד דעם קינד.

שווימט דאָס קעסטל אויפֿן טײַך
אויפֿן גרויסן ניל,
שווימט דאָס קעסטל רויִק גלײַך,
שווימט דאָס קעסטל שטיל.

## shvimt dos kestl

*shvimt dos kestl oyfn taykh*
*oyfn groysn nil,*
*shvimt dos kestl ruik glaykh,*
*shvimt dos kestl shtil.*

*un di khvales geyen shtil,*
*geyen tsart un lind,*
*vi zey voltn hitn zikh*
*ton a layd dem kind.*

*shvimt dos kestl oyfn taykh*
*oyfn groysn nil,*
*shvimt dos kestl ruik glaykh,*
*shvimt dos kestl shtil.*





## עס וואָלט געווען בעסער ווען מיר האָבן הײַנט אַ פּסח אָן מכּות...
## On aurait préféré pouvoir fêter aujourd'hui un Peysekh sans plaies...

מע טריפֿט אַרויס מיטן זרת פֿונעם כּוס ווען מע זאָגט יעדע מכּה.

À la lecture de chaque plaie, on trempe le petit doigt dans le verre de vin et on le secoue de manière à en laisser tomber une goutte.












**דָּם . צְפַרְדֵּעַ . כִּנִּים . עָרֹב .**
**דֶּבֶר . שְׁחִין . בָּרָד . אַרְבֶּה .**
**חֹשֶׁךְ . מַכַּת בְּכוֹרוֹת :**

**בלוט . פֿרעש . אומפֿלייט .**
**געמיש פֿון ווילדע חיות .**
**פּעסט . בלאָטערן . האָגל .**
**הײשעריק . פֿינצטערניש .**
**טויט פֿון די עלטסטע זין.**

**sang . grenouilles . vermine .**
**bêtes féroces . peste . ulcères .**
**grêle . sauterelles . ténèbres .**
**mort des premiers-nés.**

***dayeynu.***

*voltn mir nor fun Mitsrayim*
*gliklekh oysgeleyzt gevorn*
*nor der yam zikh nit geshpoltn* **dayeynu**.
*volt der yam zikh shoyn geshpoltn*
*nor im durkhgeyn in der trukn*
*volt undz demolt nit gegoltn* **dayeynu**
*day day-yeynu day day-yeynu day day-yeynu day-*
*eynu dayeynu dayeynu,*
*day day-yeynu day day-yeynu day day-yeynu day-*
*eynu dayeynu*
*voltn mir im shoyn ariber*
*nit gekent nor iberkumen*
*fertsik yor in groysn midber* **dayeynu**.
*voltn mir di fertsik yor shoyn*
*in dem midber durkhgekumen*
*un keyn man dort nit gefunen* **dayeynu**.
*day day-yeynu day day-yeynu day day-yeynu day-*
*,eynu dayeynu dayeynu*
*day day-yeynu day day-yeynu day day-yeynu day-*
*eynu dayeynu*
*voltn mir dort man gefunen*
*nor dem shabes nit bakumen*
*un tsum Sinay nit gekumen* **dayeynu**.
*voltn mir tsum Sinay kumen*
*nor di toyre nit bakumen*
*s'folk fun toyre nit gevorn* **dayeynu**.
*day day-yeynu day day-yeynu day day-yeynu day-*
*,eynu dayeynu dayeynu*
*day day-yeynu day day-yeynu day day-yeynu day-*
*eynu dayeynu*

**דיינו**

וואָלטן מיר נאָר פֿון מצרים
גליקלעך אויסגעלייזט געוואָרן
נאָר דער ים זיך ניט געשפּאָלטן **דיינו.**

וואָלט דער ים זיך שוין געשפּאָלטן
נאָר אים דורכגיין אין דער טרוקן
וואָלט אונדז דעמאָלט ניט געגאָלטן **דיינו.**
דײַ, דיינו, דײַ, דיינו, דײַ, דיינו, דיינו, דיינו
דײַ, דיינו, דײַ, דיינו, דײַ, דיינו, דיינו,

וואָלטן מיר אים שוין אַריבער
ניט געקענט נאָר איבערקומען
פֿערציק יאָר אין גרויסן מידבר **דיינו.**

וואָלטן מיר די פֿערציק יאָר שוין
אין דעם מידבר דורכגעקומען
און קיין מן דאָרט ניט געפֿונען **דיינו.**
דײַ, דיינו, דײַ, דיינו, דײַ, דיינו, דיינו, דיינו
דײַ, דיינו, דײַ, דיינו, דײַ, דיינו, דיינו

וואָלטן מיר דאָרט מן געפֿונען
נאָר דעם שבת ניט באַקומען
און צום סיני ניט געקומען **דיינו.**

וואָלטן מיר צום סיני קומען
נאָר די תּורה ניט באַקומען
ס'פֿאָלק פֿון תּורה ניט געוואָרן **דיינו.**
דײַ, דיינו, דײַ, דיינו, דײַ, דיינו, דיינו, דיינו
דײַ, דיינו, דײַ, דיינו, דײַ, דיינו, דיינו

S'Il nous avait tirés hors d'Égypte, sans infliger de punition contre eux, cela nous aurait suffi. S'Il leur avait infligé des punitions, sans les exercer contre leurs idoles, cela nous aurait suffi. S'Il avait détruit leurs idoles et n'avait pas tué leurs premiers-nés, cela nous aurait suffi. S'Il avait tué leurs premiers-nés et ne nous avait pas donné leurs richesses, cela nous aurait suffi. S'Il nous avait donné leurs richesses et n'avait pas partagé la mer pour nous, cela nous aurait suffi. S'Il avait partagé la mer pour nous et ne nous l'avait pas fait traverser à pied sec, cela nous aurait suffi. S'Il nous l'avait fait traverser à pied sec et n'y avait pas noyé nos oppresseurs, cela nous aurait suffi. S'Il y avait noyé nos oppresseurs sans pourvoir à nos besoins dans le désert pendant quarante ans, cela nous aurait suffi. S'Il avait subvenu à nos besoins dans le désert pendant quarante ans sans nous nourir avec la Manne, s'Il nous avait nourris de la Manne et ne nous avait pas donné le Shabbat, cela nous aurait suffi. S'Il nous avait donné le Shabbat sans nous conduire devant le Mont Sinaï, cela nous aurait suffi. S'Il nous avait amenés devant le Mont Sinaï sans nous donner la Torah, cela nous aurait suffi. S'Il nous avait donné la Torah sans nous conduire en Terre d'Israël, cela nous aurait suffi. S'Il nous avait conduits en Terre d'Israël sans nous bâtir le Temple, cela nous aurait suffi.

On montre l'os

**מע ווײַזט אָן מיט דער האַנט אויפֿן זרוע**

## פֶּסַח    פֶּסַח    פסח

L'agneau pascal que nos ancêtres mangeaient lorsque le Temple existait, quelle en est la raison ?

…

דער קרבן פסח וואָס אונזערע עלטערן פֿלעגן עסן אין דער צײַט ווען דער בית-המקדש איז נאָך געשטאַנען – צוליב וואָס איז דאָס געווען?

…

On montre la *matse*

**מע ווײַזט אָן מיט דער האַנט אויף דער מצה**

## מַצָּה    מַצָּה    מצה

Cette *matse* que nous mangeons, pourquoi ?

די מצה וואָס מיר עסן, צוליב וואָס איז דאָס?

On montre les herbes amères

**מע ווײַזט אָן מיט דער האַנט אויפֿן מרור**

## מָרוֹר    מָרוֹר    מרור

Ces herbes amères que nous mangeons, pourquoi ?

די ביטערע קרײַטעכצער, וואָס מיר עסן, צוליב וואָס איז דאָס?

## בְּכָל דוֹר    בְּכָל דוֹר    בכל דור

À chaque génération, chacun doit se considérer comme si lui-même était sorti d'Égypte.

אין יעדן דור איז יעדער איינער מחויבֿ צו קוקן אויף זיך אַליין אַזוי ווי ער וואָלט אַרויסגעגאַנגען פֿון מצרים.

On couvre les *matses*, on lève la coupe.

**מע דעקט צו די מצות, מען הייבט אויף דעם כּוס**

## בָּרוּךְ    בָּרוּךְ    ברוך

On s'appuie sur la gauche et on boit la deuxième coupe.

**מע טרינקט דעם צווייטן כּוס אָנלענעדיק זיך אויף דער לינקער זײַט**

# רַחַץ    זיך וואַשן צום עסן

On se lave les mains pour la deuxième fois.

**מע וואַשט די הענט צום צווייטן מאָל**

# מוֹצִא מַצָּה    מאַכן המוציא

On prend un morceau (gros comme une olive) de chacune des deux *matses* supérieures et on mange.

**מע נעמט אַ כּזית (אַ שטיקל גרויס ווי אַן איילבערט) פֿון די אייבערשטע צוויי מצות און מען עסט.**

# מָרוֹר    עסן די ביטערע קרײַטעכצער

On prend un peu d'herbes amères, on trempe dans le *kharoyses* et on mange.

**מע נעמט אַ כּזית מרור, מע טונקט עס אײַן אין חרוסת און מען עסט.**

# כּוֹרֵךְ    עסן מצה מיט כריין

On enveloppe une petite quantité de raifort dans deux petits morceaux de la *matse* inférieure.

**מע נעמט צוויי שטיקלעך פֿון דער נידעריקסטער מצה. צווישן זיי לייגט מען אַרײַן צעריבענעם כריין.**

## שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ מ׳גרייט דעם

**טיש צום עסן**

**דאָס עסן דאַרף זיך ציִען נישט שפּעטער ווי ביז צוועלף אַ זייגער בייַ נאַכט ווייַל ווען דער בית-המקדש איז געשטאַנען, פֿלעגט מען עסן דעם קרבן-פּסח נישט שפּעטער ווי מיטן נאַכט.**

Le repas ne doit pas durer plus longtemps que minuit parce que, lorsque le Temple existait, on ne mangeait pas l'agneau pascal au-delà de minuit.

## צָפוּן אַרויסנעמען דעם אַפּיקומן

**נאָכן עסן נעמט מען אַרויס אַפּיקומן און מע גיט יעדן איינעם אַ כּזית און מען עסט.**

Après le repas on distribue à chacun un morceau d'*afikoymen* que l'on mange.

## בָּרֵךְ בענטשן

**מע גיסט אָן דעם דריטן כּוס און מע בענטשט.**

On verse la troisième coupe avant de réciter les actions de grâces.

**מע מאַכט ברכות און מע טרינקט דעם דריטן כּוס.**

On s'accoude sur le côté gauche et on boit la troisième coupe.

**מען עפֿנט אויף די טיר.**

On ouvre la porte.

**אליהו הנבֿיא**

אליהו-הנבֿיא, אליהו התּשבי
אליהו (3) הגלעדי
אַלע וואַרטן, יונג און אַלט,
ברענג דערלייזונג קום זשע באַלד
מיט משיח בן דוד (2)
אליהו-הנבֿיא, אליהו התּשבי
אליהו (3) הגלעדי

***eliyohu hanovi***

*eliyohu hanovi, eliyohu hatishbi*
*eliyohu (3) hagilodi.*
*ale vartn, yung un alt,*
*breng derleyzung kum zhe bald*
*mit moshiakh ben dovid (2)*
*eliyohu hanovi, eliyohu hatishbi*
*eliyohu (3) hagilodi.*

מע גיסט אָן דעם פֿערטן כּוס און מע זאָגט :

On verse la quatrième coupe et on dit

## הלל זאָגן הלל

הוֹדו (קאַפּיטל תּהלים קלו)...

Psaume 136, dit “le grand Hallel”

## נִרְצָה

עס איז געענדיקט די פֿײַערונג פֿון פּסח. הלוואי זאָלן מיר ווידער זי פּראַווען אין דער צוקונפֿט ווי מיר האָבן עס געטאָן די נאַכט.

La cérémonie du seyder est terminée. Puissions-nous la renouveler à l’avenir comme il nous a été donné de le faire ce soir !

מע טרינקט דעם פֿערטן כּוס.

On boit la quatrième coupe.

# לְשָׁנָה הַבָּאָה
# אויף דער פּלאַזשע !

## L’année prochaine à la plage !

טאַטע, פֿאַר וואָס קאָסט אַלע יאָר דער חד־גדיא תּרי זוזי,
אָבער הײַיאָר קאָסט ער תּרי טריליאָן זוזי ?

Papa, pourquoi le chevreau qui coûte chaque année deux sous
coûte-t-il cette année deux milliards de milliards ?



## חד־גדיא — KHAD-GADYO

איך האָב פֿאַר אײַך אַ מעשׂעלע
אַ מעשׂעלע גאָר שיין
דער טאַטע האָט אַ ציגעלע
געקויפֿט פֿאַר צוויי גילדיין.
אַ ציגעלע אַ ווײַסינקע,
אַ שיינינקע ווי גאָלד,
און צוויי גילדיין מזומענע
האָט ער פֿאַר אים באַצאָלט.
חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא.

*ikh hob far aykh a maysele*
*a maysele gor sheyn*
*der tate hot a tsigele*
*gekoyft far tsvey gildeyn;*
*a tsigele a vaysinke,*
*a sheyninke vi gold,*
*un tsvey gildeyn mezumene*
*hot er far im batsolt.*
*khad-gadyo, khad-gadyo, khad-gadyo, khad-gadyo*

| | |
|---|---|
| איז דאָך אין הויף אַ קאַץ געווען, | *iz dokh in hoyf a kats geven,* |
| אַ מזיק ווי באַוווּסט, | *a mazik vi bavust,* |
| האָט קעצלען זיך פֿאַרצוקן גאָר | *hot ketslen zikh fartsukn gor* |
| דאָס ציגעלע פֿאַרגלוסט. | *dos tsigele farglust.* |
| געכאַפּט עס מיט די נעגל גלײַך, | *gekhapt es mit di negl glaykh,* |
| געמאַכט פֿון דעם אַ סוף... | *gemakht fun dem a sof…* |
| וואַרט, וואַרט, מרשעת-קעצעלע, | *vart, vart, marshas-ketsele,* |
| באַקומסט שוין באַלד דײַן שטראָף! | *bakumst shoyn bald dayn shtrof !* |
| חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא. | *khad-gadyo, khad-gadyo, khad-gadyo, khad-gadyo* |
| | |
| דערזען האָט עס הינטעלע, | *derzen hot es hintele,* |
| פֿאַרדריסט עס אים גאַנץ שטאַרק, | *fardrist es im gants shtark,* |
| ער וואַרפֿט זיך אויף דער בייזער קאַץ | *er varft zikh oyf der beyzer kats* |
| און בײַסט איר אײַן אין קאַרק. | *un bayst ir ayn in kark.* |
| קומט שטעקעלע אין כעס אַרײַן | *kumt shtekele in kas arayn* |
| און טראַכט גאָר ניט קיין סך, | *un trakht gor nit keyn sakh,* |
| און שפּאַלט דאָס קעפּל הינטעלען : | *un shpalt dos kepl hintelen :* |
| דו, הונט, ס'איז ניט דײַן זאַך. | *du, hunt, s'iz nit dayn dayn zakh.* |
| חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא. | *khad-gadyo, khad-gadyo, khad-gadyo, khad-gadyo* |
| | |
| צעפֿלאַקערט האָט זיך פֿײַערל, | *tseflakert hot zikh fayerl,* |
| פֿאַר כעס צונטער רויט : | *far kas tsunter royt :* |
| דו שטעקעלע, דו פֿלעקעלע, | *du shtekele, du flekele,* |
| איך מאַך דיר באַלד אַ טויט. | *ikh makh dir bald a toyt.* |
| פֿאַר וואָס האָסטו דאָס הינטעלען | *far vos hostu dos hintelen* |
| געבראָכן רוק און לענד? | *gebrokhn ruk un lend ?* |
| דערפֿאַר זאָלסטו מיר אויפֿן אָרט | *derfar zolstu mir oyfn ort* |
| דאָ ווערן גלײַך פֿאַרברענט. | *do vern glaykh farbrent.* |
| חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא. | *khad-gadyo, khad-gadyo, khad gadyo, khad-gadyo* |
| | |
| וואָלט אפֿשר טאַקע פֿײַערל | *volt efsher take fayerl* |
| געווען גערעכט דערמיט, | *geven gerekht dermit,* |
| נאָר גיין פֿאַרברענען שטעקעלען | *nor geyn farbrenen shtekelen* |
| איז אויך קיין יושר ניט. | *iz oykh keyn yoysher nit.* |
| נאָר וואָס זשע טוט דאַן וואַסערל? – | *nor vos-zhe tut dan vaserl ?* |
| עס פֿלייצט פֿון קוואַל אַרויס | *es fleytst fun kval aroys* |
| און גיסט זיך אויס אויף פֿײַערלען | *un gist zikh oys oyf fayerlen* |
| און לעשט אים תּיכּף אויס. | *un lesht im teykef oys.* |
| חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא. | *khad-gadyo, khad-gadyo, khad-gadyo, khad-gadyo* |
| | |
| אַ גרויסן קאָפּ האָט עקסעלע, | *a groysn kop hot eksele,* |
| נאָר שׂכל זייער קנאַפּ. | *nor seykhl zeyer knap.* |
| ער לאָזט זיך בייז צו וואַסערלען | *er lozt zikh beyz tsu vaserlen* |
| און זופּט אויס ביז אַ קאַפּ. | *un zupt oys biz a kap.* |
| אָט דאָס איז דײַן גערעכטיקייט, | *ot dos iz dayn gerekhtikayt,* |

| | |
|---|---|
| דו אָקס, דו נאַריש קאָפּ? | *du oks, du narish kop ?* |
| קומט שוחט מיטן חלף אָן | *kumt shoykhet mitn khalef on* |
| און קוילעט עקסלען אָפּ. | *un koylet ekslen op.* |
| חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא. | *khad-gadyo, khad-gadyo, khad-gadyo, khad-gadyo* |
| | |
| דערזעט דער מלאך-המוות דאָס | *derzet der malekhamoves dos* |
| און גורט די לענדן אָן: | *un gurt di lendn on :* |
| אַך שוחטל, דו קײַלערל, | *akh shoykhetl, du kaylerl,* |
| וואָס האָסטו דאָס געטאָן? | *vos hostu dos geton ?* |
| ער שטעלט אַ טויזנט אויגן אויס | *er shtelt a toyznt oygn oys* |
| און ציט זײַן שווערד פֿון שייד: | *un tsit zayn shverd fun sheyd:* |
| געקוילעט האָסטו עקסעלען | *gekoylet hostu ekselen* |
| טאָ זײַ אַליין געטייט! | *to zay aleyn geteyt !* |
| חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא. | *khad-gadyo, khad-gadyo, khad-gadyo, khad-gadyo* |
| | |
| קומט אָן הקדוש-ברוך-הוא – | *kumt on hakodesh-borekh-hu* |
| זײַן מישפּט איז גערעכט – | *zayn mishpet iz gerekht* |
| ער זעט, דער מלאך פֿונעם טויט | *er zet, der malekh funem toyt* |
| האָט דאָ געהאַנדלט שלעכט. | *hot do gehandlt shlekht.* |
| האָט ער דעם מלאך-המוות גלײַך | *hot er dem malekhamoves glaykh* |
| געשאָכטן מיט זײַן שווערד, | *geshokhtn mit zayn shverd,* |
| כּדי אמת און גערעכטיקייט | *kedey emes un gerekhtikayt* |
| זאָל הערשן אויף דער ערד. | *zol hershn oyf der erd.* |
| חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא. | *khad-gadyo, khad-gadyo, khad-gadyo, khad-gadyo* |



J'ai pour vous une belle histoire. Mon père a acheté un chevreau pour deux guilden. Or vint un chat, il mangea le chevreau qu'avait acheté mon père. Puis vint un chien, il mordit le chat qui avait mangé le chevreau. Vint un bâton, il frappa le chien qui avait mordu le chat… Vint alors le feu, il brûla le bâton… Vint ensuite l'eau, elle éteignit le feu… Puis vint le taureau, il but l'eau… Vint alors l'égorgeur rituel, il égorgea le taureau… Vint alors l'ange de la mort, il égorgea l'égorgeur… Vint alors le Saint Béni Soit-il, il égorgea l'ange de la mort qui avait égorgé l'égorgeur qui avait égorgé le taureau qui avait bu l'eau qui avait éteint le feu qui avait brûlé le bâton qui avait frappé le chien qui avait mordu le chat qui avait mangé le chevreau qu'avait acheté mon père pour deux guilden. Un chevreau, un chevreau…



## איציק מאַנגער

# דאָס ליד פונעם ציגעלע

דער טאַטע האָט געקויפט אַ ציגעלע
מיט יאָרן לאַנג צוריק,
אין ״חד גדיא״ עס פאַרשפּאַרט,
געבונדן אויף אַ שטריק.

מיר פירן ביי די הערנער עס,
די וועלט איז ווייט און גרויס,
און וואו מיר לאָזן עס אַליין,
דאָס זאָגן מיר נישט אויס.

איז טרויעריק דאָס ווייסע ציגעלע
וואונד איז אים און וויי —
זומער זעט עס נישט קיין גראָז
און ווינטער — נישט קיין שניי.

פסח. די ערשטע סדר-נאַכט,
דאָס ציגעלע איז נישטאָ, —
פרעגט דער טאַטע: „איציק, דו?״
זאָג איך: „אַבערוואָ!״

זאָגט מיין ברודער: „איציק הער,
ווי אַזוי דערלאָזט עס גאָט,
צי איז אים נישט דאָס ציגעלע,
דאָס ווייסענקע אַ שאָד?״

פרעגט דער טאַטע: „נאָטל, דו?״
זאָגט ער: „וואָס און ווען?
זינט פאַראַיאָרן פסח-צייט
דאָס ציגעלע נישט געזען!״

זאָג איך: „נאָטל, ביזט גערעכט!״
און נישט לאַנג געטראַכט, —
ס'איז געווען, ווי זעלטן ווען,
אַ שיינע וועסנע-נאַכט,

דער טאַטע מיינט, די מאַמע וויינט,
און קיינער ווייסט נישט וואָס —
זינגט מען דעם „חד-גדיא״ אָפּ,
איז דאָס שוין נישט דאָס . . .

דער טאַטע שלאָפט, די מאַמע שלאָפט,
ס'שלאָפט דאָס גאַנצע הויז,
פירן מיר פונעם „חד גדיא״
דאָס ציגעלע אַרויס.

טאַ וואו-זשע איז דאָס ציגעלע?
ס'שפרינגט אַרום אין פעלד
און האָט הנאה פון דער זון
און פון דער גאַנצער וועלט.

## *mu asapru, mu adabru*

*1*
*mu asapru, mu adabru*
*oydkhe, oydkhe, yam tarariram*
*ver ken redn, ver ken zogn*
*vos der eyns batayt*
*vos der eyns batayt*
*eyner iz dokh got*
*un got iz eyner*
*un vayter - keyner*
*2*
*mu asapru, mu adabru*
*oydkhe, oydkhe, yam tarariram*
*ver ken redn, ver ken zogn*
*vos der tsvey batayt*
*vos der tsvey batayt*
*tsvey zenen di lukhes*
*un eyner iz dokh got*
*un got iz eyner*
*un vayter - keyner*
*3*
*mu asapru, mu adabru*
*oydkhe, oydkhe, yam tarariram*
*ver ken redn, ver ken zogn*
*vos der dray batayt*
*vos der dray batayt*
*dray zenen di oves*
*un tsvey zenen di lukhes*
*un eyner iz dokh got*
*un got iz eyner*
*un vayter - keyner*
*4*
*mu asapru, mu adabru*
*oydkhe, oydkhe, yam tarariram*
*ver ken redn, ver ken zogn*
*vos der fir batayt*
*vos der fir batayt*
*fir zenen di imoes*
*dray zenen di oves*
*un tsvey zenen di lukhes*
*un eyner iz dokh got*
*un got iz eyner*
*un vayter - keyner*

## מה אספֿרה, מה אדברה

1
מה אספֿרה, מה אדברה
אודך, אודך, יאַם-טאַ-ראַרי-ראַם
ווער קען רעדן, ווער קען זאָגן
וואָס דער איינס באַטייַט
וואָס דער איינס באַטייַט
איינער איז דאָך גאָט
און גאָט איז איינער
און וויַיטער – קיינער
2
מה אספֿרה, מה אדברה
אודך, אודך, יאַם-טאַ-ראַרי-ראַם
ווער קען רעדן, ווער קען זאָגן
וואָס דער צוויי באַטייַט
וואָס דער צוויי באַטייַט
צוויי זענען די לוחות
און איינער איז דאָך גאָט
און גאָט איז איינער
און וויַיטער – קיינער
3
מה אספֿרה, מה אדברה
אודך, אודך, יאַם-טאַ-ראַרי-ראַם
ווער קען רעדן, ווער קען זאָגן
וואָס דער דריַי באַטייַט
וואָס דער דריַי באַטייַט
דריַי זענען די אָבֿות
און צוויי זענען די לוחות
און איינער איז דאָך גאָט
און גאָט איז איינער
און וויַיטער – קיינער
4
מה אספֿרה, מה אדברה
אודך, אודך, יאַם-טאַ-ראַרי-ראַם
ווער קען רעדן, ווער קען זאָגן
וואָס דער פֿיר באַטייַט
וואָס דער פֿיר באַטייַט
פֿיר זענען די אימהות
דריַי זענען די אָבֿות
און צוויי זענען די לוחות
און איינער איז דאָך גאָט
און גאָט איז איינער
און וויַיטער – קיינער

5

*mu asapru, mu adabru*
*oydkhe, oydkhe, yam tarariram*
*ver ken redn, ver ken zogn*
*vos der finf batayt*
*vos der finf batayt*
*finf zenen di khumoshim*
*fir zenen di imoes*
*dray zenen di oves*
*un tsvey zenen di lukhes*
*un eyner iz dokh got*
*un got iz eyner*
*un vayter - keyner*

מה אספרה, מה אדברה
אודך, אודך, יאַם-טאַ-ראַרי-ראַם
ווער קען רעדן, ווער קען זאָגן
וואָס דער פֿינף באַטײַט
וואָס דער פֿינף באַטײַט
פֿינף זענען די חומשים
פֿיר זענען די אימהות
דרײַ זענען די אָבֿות
און צוויי זענען די לוחות
און איינער איז דאָך גאָט
און גאָט איז איינער
און ווײַטער – קיינער

6

*mu asapru, mu adabru*
*oydkhe, oydkhe, yam tarariram*
*ver ken redn, ver ken zogn*
*vos der zeks batayt*
*vos der zeks batayt*
*zeks zenen di mishnayes*
*finf zenen di khumoshim*
*fir zenen di imoes*
*dray zenen di oves*
*un tsvey zenen di lukhes*
*un eyner iz dokh got*
*un got iz eyner*
*un vayter - keyner*

מה אספרה, מה אדברה
אודך, אודך, יאַם-טאַ-ראַרי-ראַם
ווער קען רעדן, ווער קען זאָגן
וואָס דער זעקס באַטײַט
וואָס דער זעקס באַטײַט
זעקס זענען די משניות
פֿינף זענען די חומשים
פֿיר זענען די אימהות
דרײַ זענען די אָבֿות
און צוויי זענען די לוחות
און איינער איז דאָך גאָט
און גאָט איז איינער
און ווײַטער – קיינער

7

*mu asapru, mu adabru*
*oydkhe, oydkhe, yam tarariram*
*ver ken redn, ver ken zogn*
*vos der zibn batayt*
*vos der zibn batayt*
*der zibeter tog iz shabes*
*zeks zenen di mishnayes*
*finf zenen di khumoshim*
*fir zenen di imoes*
*dray zenen di oves*
*un tsvey zenen di lukhes*
*un eyner iz dokh got*
*un got iz eyner*
*un vayter - keyner*

מה אספרה, מה אדברה
אודך, אודך, יאַם-טאַ-ראַרי-ראַם
ווער קען רעדן, ווער קען זאָגן
וואָס דער זיבן באַטײַט
וואָס דער זיבן באַטײַט
דער זיבעטער טאָג איז שבת
זעקס זענען די משניות
פֿינף זענען די חומשים
פֿיר זענען די אימהות
דרײַ זענען די אָבֿות
און צוויי זענען די לוחות
און איינער איז דאָך גאָט
און גאָט איז איינער
און ווײַטער – קיינער

8

*mu asapru, mu adabru*
*oydkhe, oydkhe, yam tarariram*

מה אספרה, מה אדברה
אודך, אודך, יאַם-טאַ-ראַרי-ראַם

| | |
|---|---|
| *ver ken redn, ver ken zogn* | ווער קען רעדן, ווער קען זאָגן |
| *vos der akht batayt* | וואָס דער אַכט באַטײַט |
| *vos der akht batayt* | וואָס דער אַכט באַטײַט |
| *der akhter tog iz mile* | דער אַכטער טאָג איז מילה |
| *der zibeter tog iz shabes* | דער זיבעטער טאָג איז שבת |
| *zeks zenen di mishnayes* | זעקס זענען די משניות |
| *finf zenen di khumoshim* | פֿינף זענען די חומשים |
| *fir zenen di imoes* | פֿיר זענען די אימהות |
| *dray zenen di oves* | דרײַ זענען די אָבֿות |
| *un tsvey zenen di lukhes* | און צוויי זענען די לוחות |
| *un eyner iz dokh got* | און איינער איז דאָך גאָט |
| *un got iz eyner* | און גאָט איז איינער |
| *un vayter - keyner* | און ווײַטער – קיינער |
| *9* | 9 |
| *mu asapru, mu adabru* | מה אספרה, מה אדברה |
| *oydkhe, oydkhe, yam tarariram* | אודך, אודך, יאַם-טאַ-ראַרי-ראַם |
| *ver ken redn, ver ken zogn* | ווער קען רעדן, ווער קען זאָגן |
| *vos der nayn batayt* | וואָס דער נײַן באַטײַט |
| *vos der nayn batayt* | וואָס דער נײַן באַטײַט |
| *nayn khadoshim trogt men* | נײַן חדשים טראָגט מען |
| *der akhter tog iz mile* | דער אַכטער טאָג איז מילה |
| *der zibeter tog iz shabes* | דער זיבעטער טאָג איז שבת |
| *zeks zenen di mishnayes* | זעקס זענען די משניות |
| *finf zenen di khumoshim* | פֿינף זענען די חומשים |
| *fir zenen di imoes* | פֿיר זענען די אימהות |
| *dray zenen di oves* | דרײַ זענען די אָבֿות |
| *un tsvey zenen di lukhes* | און צוויי זענען די לוחות |
| *un eyner iz dokh got* | און איינער איז דאָך גאָט |
| *un got iz eyner* | און גאָט איז איינער |
| *un vayter - keyner* | און ווײַטער – קיינער |
| *10* | 10 |
| *mu asapru, mu adabru* | מה אספרה, מה אדברה |
| *oydkhe, oydkhe, yam tarariram* | אודך, אודך, יאַם-טאַ-ראַרי-ראַם |
| *ver ken redn, ver ken zogn* | ווער קען רעדן, ווער קען זאָגן |
| *vos der tsen batayt* | וואָס דער צען באַטײַט |
| *vos der tsen batayt* | וואָס דער צען באַטײַט |
| *tsen zenen di aseres-hadibres* | צען זענען די עשׂרת-הדיברות |
| *nayn khadoshim trogt men* | נײַן חדשים טראָגט מען |
| *der akhter tog iz mile* | דער אַכטער טאָג איז מילה |
| *der zibeter tog iz shabes* | דער זיבעטער טאָג איז שבת |
| *zeks zenen di mishnayes* | זעקס זענען די משניות |
| *finf zenen di khumoshim* | פֿינף זענען די חומשים |
| *fir zenen di imoes* | פֿיר זענען די אימהות |
| *dray zenen di oves* | דרײַ זענען די אָבֿות |
| *un tsvey zenen di lukhes* | און צוויי זענען די לוחות |

| | |
|---|---|
| un eyner iz dokh got | און איינער איז דאָך גאָט |
| un got iz eyner | און גאָט איז איינער |
| un vayter - keyner | און ווײַטער – קיינער |
| 11 | 11 |
| mu asapru, mu adabru | מה אספרה, מה אדברה |
| oydkhe, oydkhe, yam tarariram | אודך, אודך, יאַם-טאַ-ראַרי-ראַם |
| ver ken redn, ver ken zogn | ווער קען רעדן, ווער קען זאָגן |
| vos der elf batayt | וואָס דער עלף באַטײַט |
| vos der elf batayt | וואָס דער עלף באַטײַט |
| elf zenen di shtern | עלף זענען די שטערן |
| tsen zenen di aseres-hadibres | צען זענען די עשׂרת-הדיברות |
| nayn khadoshim trogt men | נײַן חדשים טראָגט מען |
| der akhter tog iz mile | דער אַכטער טאָג איז מילה |
| der zibeter tog iz shabes | דער זיבעטער טאָג איז שבת |
| zeks zenen di mishnayes | זעקס זענען די משניות |
| finf zenen di khumoshim | פֿינף זענען די חומשים |
| fir zenen di imoes | פֿיר זענען די אימהות |
| dray zenen di oves | דרײַ זענען די אָבֿות |
| un tsvey zenen di lukhes | און צוויי זענען די לוחות |
| un eyner iz dokh got | און איינער איז דאָך גאָט |
| un got iz eyner | און גאָט איז איינער |
| un vayter - keyner | און ווײַטער – קיינער |
| 12 | 12 |
| mu asapru, mu adabru | מה אספרה, מה אדברה |
| oydkhe, oydkhe, yam tarariram | אודך, אודך, יאַם-טאַ-ראַרי-ראַם |
| ver ken redn, ver ken zogn | ווער קען רעדן, ווער קען זאָגן |
| vos der tsvelf batayt | וואָס דער צוועלף באַטײַט |
| vos der tsvelf batayt | וואָס דער צוועלף באַטײַט |
| tsvelf zenen di shvotim | צוועלף זענען די שבֿטים |
| elf zenen di shtern | עלף זענען די שטערן |
| tsen zenen di aseres-hadibres | צען זענען די עשׂרת-הדיברות |
| nayn khadoshim trogt men | נײַן חדשים טראָגט מען |
| der akhter tog iz mile | דער אַכטער טאָג איז מילה |
| der zibeter tog iz shabes | דער זיבעטער טאָג איז שבת |
| zeks zenen di mishnayes | זעקס זענען די משניות |
| finf zenen di khumoshim | פֿינף זענען די חומשים |
| fir zenen di imoes | פֿיר זענען די אימהות |
| dray zenen di oves | דרײַ זענען די אָבֿות |
| un tsvey zenen di lukhes | און צוויי זענען די לוחות |
| un eyner iz dokh got | און איינער איז דאָך גאָט |
| un got iz eyner | און גאָט איז איינער |
| un vayter - keyner | און ווײַטער – קיינער |
| 13 | 13 |
| mu asapru, mu adabru | מה אספרה, מה אדברה |
| oydkhe, oydkhe, yam tarariram | אודך, אודך, יאַם-טאַ-ראַרי-ראַם |

| | |
|---|---|
| *ver ken redn, ver ken zogn* | ווער קען רעדן, ווער קען זאָגן |
| *vos der draytsn batayt* | וואָס דרײַצן באַטײַט |
| *vos der draytsn batayt* | וואָס דרײַצן באַטײַט |
| *draytsn zenen di mides* | דרײַצן זענען די מידות |
| *tsvelf zenen di shvotim* | צוועלף זענען די שבֿטים |
| *elf zenen di shtern* | עלף זענען די שטערן |
| *tsen zenen di aseres-hadibres* | צען זענען די עשׂרת-הדיברות |
| *nayn khadoshim trogt men* | נײַן חדשים טראָגט מען |
| *der akhter tog iz mile* | דער אַכטער טאָג איז מילה |
| *der zibeter tog iz shabes* | דער זיבעטער טאָג איז שבת |
| *zeks zenen di mishnayes* | זעקס זענען די משניות |
| *finf zenen di khumoshim* | פֿינף זענען די חומשים |
| *fir zenen di imoes* | פֿיר זענען די אימהות |
| *dray zenen di oves* | דרײַ זענען די אָבֿות |
| *un tsvey zenen di lukhes* | און צוויי זענען די לוחות |
| *un eyner iz dokh got* | און איינער איז דאָך גאָט |
| *un got iz eyner* | און גאָט איז איינער |
| *un vayter - keyner* | און ווײַטער – קיינער |

| | |
|---|---|
| **אחד מי יודע** | ***ekhad mi yodea*** |
| 1 | *1* |
| אחד מי יודע ? | *ekhad mi yodea ?* |
| אחד אני יודע : | *ekhad ani yodea :* |
| אחד אלוהינו (5), שבשמיים ובארץ. | *ekhad Eloheinu (5) shebashamaim uva'aretz.* |
| 2 | *2* |
| שניים מי יודע ? | *shnaim mi yodea ?* |
| שניים אני יודע : | *shnaim ani yodea :* |
| שני לוחות הברית, | *shnei lukhot habrit* |
| אחד אלוהינו (5) שבשמיים ובארץ. | *ekhad Eloheinu (5) shebashamaim uva'aretz.* |
| 3 | *3* |
| שלושה מי יודע ? | *shlosha mi yodea ?* |
| שלושה אני יודע : | *shlosha ani yodea :* |
| שלושה אבות, שני לוחות הברית | *shlosha avot, shnei lukhot habrit* |
| אחד אלוהינו (5) שבשמיים ובארץ. | *ekhad Eloheinu (5) shebashamaim uva'aretz.* |
| 4 | *4* |
| ארבע מי יודע ? | *Arba mi yodea ?* |
| ארבע אני יודע : | *arba ani yodea :* |
| ארבע אימהות, שלושה אבות | *arba imahot, shlosha avot,* |
| שני לוחות הברית | *shnei lukhot habrit* |

| | |
|---|---|
| אחד אלוהינו (5) שבשמיים ובארץ. | *ekhad Eloheinu (5) shebashamaim uva'aretz.* |
| 5 | *5* |
| חמישה מי יודע ? | *khamisha, mi yodea ?* |
| חמישה אני יודע : | *khamisha, ani yodea :* |
| חמישה חומשי תורה, ארבע אימהות, | *khamisha khumshei torah* |
| ארבע אימהות, שלושה אבות, | *arba imahot, shlosha avot,* |
| שני לוחות הברית, | *shnei lukhot habrit* |
| אחד אלוהינו (5) שבשמיים ובארץ. | *ekhad Eloheinu (5) shebashamaim uva'aretz.* |
| 6 | *6* |
| שישה מי יודע ? | *shisha, mi yodea ?* |
| שישה אני יודע : | *shisha, ani yodea :* |
| שישה סידרי משנה, | *shisha, sidrei mishna* |
| חמישה חומשי תורה | *khamisha khumshei torah* |
| ארבע אימהות, שלושה אבות | *arba imahot, shlosha avot,* |
| שני לוחות הברית, | *shnei lukhot habrit* |
| אחד אלוהינו (5) שבשמיים ובארץ. | *ekhad Eloheinu (5) shebashamaim uva'aretz.* |
| 7 | *7* |
| שבעה מי יודע ? | *shivah mi yodea ?* |
| שבעה אני יודע : | *shivah ani yodea :* |
| שבעה ימי שבתא, שישה סידרי מישנה, | *shivah yemei shabatah, shisha, sidrei mishna,* |
| חמישה חומשי תורה, ארבע אימהות, | *khamisha khumshei torah, arba imahot,* |
| שלושה אבות, שני לוחות הברית, | *shlosha avot, shnei lukhot habrit* |
| אחד אלוהינו (5) שבשמיים ובארץ. | *ekhad Eloheinu (5) shebashamaim uva'aretz.* |
| 8 | *8* |
| שמונה מי יודע ? | *shmonah mi yodea ?* |
| שמונה אני יודע : | *shmonah ani yodea :* |
| שמונה ימי מילה, שבעה ימי שבתא, | *shmonah yemei milah, shivah yemei shabatah,* |
| שישה סידרי מישנה, חמישה חומשי תורה, | *shisha sidrei mishna, khamisha khumshei torah* |
| ארבע אימהות, שלושה אבות | *arba imahot, shlosha avot,* |
| שני לוחות הברית, | *shnei lukhot habrit* |
| אחד אלוהינו (5) שבשמיים ובארץ. | *ekhad Eloheinu (5) shebashamaim uva'aretz.* |
| 9 | *9* |
| תשעה מי יודע ? | *tishah mi yodea ?* |
| תשעה אני יודע : | *tishah ani yodea :* |
| תשעה ירחי לידה, שמונה ימי מילה, | *tishah yarkhei leidah, shmonah yemei milah* |
| שבעה ימי שבתא, שישה סידרי מישנה, | *shivah yemei shabatah, shisha, sidrei mishna,* |
| חמישה חומשי תורה, ארבע אימהות, | *khamisha khumshei torah, arba imahot,* |
| שלושה אבות, שני לוחות הברית. | *shlosha avot, shnei lukhot habrit* |
| אחד אלוהינו (5) שבשמיים ובארץ. | *ekhad Eloheinu (5) shebashamaim uva'aretz.* |
| 10 | *10* |
| עשרה מי יודע ? | *asara mi yodea ?* |
| עשרה אני יודע : | *asara ani yodea :* |
| עשרה דיבריא, תישעה ירחי לידה, | *asara dibraya, tishah yarkhei leidah* |
| שמונה ימי מילה, שבעה ימי שבתא, | *shmonah yemei milah, shivah yemei shabatah,* |
| שישה סידרי מישנה, חמישה חומשי תורה, | *shisha, sidrei mishna, khamisha khumshei torah* |

| | |
|---|---|
| ארבע אימהות, שלושה אבות | *arba imahot, shlosha avot,* |
| שני לוחות הברית. | *shnei lukhot habrit* |
| אחד אלוהינו (5) שבשמיים ובארץ. | *ekhad Eloheinu (5) shebashamaim uva'aretz.* |
| 11 | *.11* |
| אחד עשר מי יודע ? | *akhad asar mi yodea ?* |
| אחד עשר אני יודע : | *akhad asar ani yodea :* |
| אחד עשר כוכביא, עשרה דיבריא, | *akhad asar kokhvaya, asara dibraya,* |
| תשעה ירחי לידה, שמונה ימי מילה, | *tishah yarkhei leidah, shmonah yemei milah,* |
| שבעה ימי שבתא, שישה סידרי מישנה, | *shivah yemei shabatah, shisha, shisha sidrei mishna* |
| חמישה חומשי תורה, ארבע אימהות, | *khamisha khumshei torah, arba imahot,* |
| שלושה אבות, שני לוחות הברית. | *shlosha avot, shnei lukhot habrit* |
| אחד אלוהינו (5) שבשמיים ובארץ. | *ekhad Eloheinu (5) shebashamaim uva'aretz.* |
| 12 | *12* |
| שנים עשר מי יודע ? | *shneim asar mi yodea ?* |
| שנים עשר אני יודע : | *shneim asar ani yodea :* |
| שנים עשר שיבטיא, אחד עשר כוכביא, | *shneim asar shivtaya, akhad asar kochvaya,* |
| עשרה דיבריא, תשעה ירחי לידה, | *asara dibraya, tishah yarkhei leidah,* |
| שמונה ימי מילה, שבעה ימי שבתא, | *shmonah yemei milah, shivah yemei shabatah,* |
| שישה סידרי משנה, חמישה חומשי תורה | *shisha, sidrei mishna, khamisha khumshei torah* |
| ארבע אימהות, שלושה אבות, | *arba imahot, shlosha avot,* |
| שני לוחות הברית. | *shnei lukhot habrit* |
| אחד אלוהינו (5) שבשמיים ובארץ. | *ekhad Eloheinu (5) shebashamaim uva'aretz.* |
| 13 | *13* |
| שלושה עשר מי יודע ? | *shlosha asar mi yodea ?* |
| שלושה עשר אני יודע : | *shlosha asar ani yodea :* |
| שלושה עשר מידיא, שנים עשר שיבטיא, | *shlosha asar midaya, shneim asar shivtaya,* |
| אחד עשר כוכביא, עשרה דיבריא, | *akhad asar kochvaya, asara dibraya,* |
| תשעה ירחי לידה, שמונה ימי מילה, | *tishah yarkhei leidah, shmonah yemei milah,* |
| שבעה ימי שבתא, שישה סידרי מישנה, | *shivah yemei shabatah, shisha, sidrei mishna* |
| חמישה חומשי תורה, ארבע אימהות, | *khamisha khumshei torah, arba imahot,* |
| שלושה אבות, שני לוחות הברית. | *shlosha avot, shnei lukhot habrit* |
| אחד אלוהינו (5) שבשמיים ובארץ | *ekhad Eloheinu (5) shebashamaim uva'aretz.* |

Un, qui connaît ? Un, je connais. Un notre Dieu qui est dans les Cieux et sur Terre. Deux, qui connaît ? Deux, je connais. Deux tables de l'Alliance. Un notre Dieu qui est dans les Cieux et sur Terre. Trois, qui connaît ? Trois, je connais. Trois patriarches. Deux tables de l'Alliance. Un notre Dieu qui est dans les Cieux et sur Terre. Quatre, qui connaît ? Quatre, je connais. Quatre matriarches. Trois patriarches. Deux tables de l'Alliance… Cinq, qui connaît ? Cinq livres de la Torah… Six, qui connaît ? Six, je connais. Six sections de la Mishna.… Sept, qui connaît ? Sept, je connais. Sept jours pour shabbat. Huit, qui connaît ? Huit, je connais. Huit jours pour la circoncision… Neuf, qui connaît ? Neuf, je connais. Neuf mois pour la naissance… Dix, qui connaît ? Dix, je connais. Dix Paroles. (commandements)… Onze, qui connaît ? Onze, je connais. Onze étoiles… Douze, qui connaît ? Douze, je connais. Douze tribus….Treize, qui connaît ? Treize, je connais. Treize attributs de Dieu…



La Haggadah fait mention de quatre sortes de fils : un sage, un impie, un simple et un qui ne sait pas poser de questions.

*Lubok ukrainien XIXe siècle*